# בית יעקב

ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים

דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות אגודת־ישראל אין פוילן

רעדאַקטירט דורך א"ג פרידנזאָן

לאָדזש—וואַרשע—קראָקע | ב"ה, אדר תרצ"ו | נומער 132 | דרייצנטער יאָר־גאַנג


# יאָרצייט-העפט

## צו דער ערשטער יאָרצייט

## פון שרה שענירער

## כ"ו אדר תרצ"ו

### תוכן:


זייט ראוי צום גרויסן שליחות • יצחק לעווין — די פאַרטיידיקונג פון דער שחיטה • הרב שמואל דוד לאַסקי — שטראַלן אין דער פינצטערניש • יהודה לייב אָרלעאַן—צו וואַסער אַחדות דערגייט די יידישע פאַמיליע • בנימין זוסמאַן — אין אַ יאָרצייט טאָג • א. ז. פרידמאַן — אַ מצבה • שרה לאַנדא — וואָס זי איז געווען • נעכא באַכענעק — אַ יאָר אַליין • דר. העשל קלעפפיש — שרה שענירער די שריפטשטע־לערן • אסתר הייטנער — איר שווייגן וואָס רעט • רבקה הורוויץ — וטהר לבנו • אַלטער שנור — גי־קליבינע פערל • אלימלך שטייער — דער וועג צו זיך אַליין • ישראל עמיאט — יאָרצייט • ידיעות און מודעות.


## גרויס זאַמל־בוך

## קעגן אנטיסעמיטיזם

ס־גרייט זיך אין דרוק אַ גרויס ערנסט ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעך

### אָפּווער־העפט פון בית-יעקב-זשורנאַל קעגן אַנטיסעמיטיזם אין גאָר דער וועלט

די יידיש־רעליגיעזע וואָרט-פירער, דענקער, וויסנשאַפטלער, היס־טאָריקער און שריפטשטעלער וועלן אויף די בלעטער פונים ספּעציעלן אָפּווער־העפט פון בית־יעקב־זשורנאַל לאָזן הערן זייער שטים. וועגן אַלע מינים אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָבן היינט אַן־אָרט אין פאַרשידינע לענדער.

ס־וועלן אויפגיקלערט און אָפּגיענטפערט ווערן אַלע טענות פון די פירער און באַגרינדער פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָבן מיט אַזאַ ווילדער גבורה אויפגיהויבן זייערע קעפּ איבערן פאָלק ישראל, וואָס איבער אים וואַכט אייביק דער שומר־ישראל.

דאָס אָפּוועור־העפט וועט זיך פאַרנעמען מיט די אַלט-נייע בלבולים קייגן פאָלק ישראל, סיי אַלס עם הנבחר סיי אַלס ג־טס פאָלק, וואָס טראָגט אויף זיך זיין היסטאָריש שליחות צו ברענגין ליכט און גליק פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

דאָס אָפּוועור־העפט וועט אַמשטאַרקסטן ברענגין צום אויסדרוק דעם פייערדיקן תשובה־רוף, וואָס דאַרף גראָד יעצט גיהערט ווערן אין דער יידישער וועלט און וואָס דאַרף באַזונדערס מחזק זיין די ברייטע מאַסן פון דער יידישער יוגנט צו בלייבן עקשנותדיק גיטריי דעם גייסט פון ישראל סבא.

דאָס אָפּוועור־העפט וועט דערשיינין אין יידיש און פויליש ביי דער באַטייליקונג פון די אויטאָריטעטסטע רעליגיעזע פעדער־כוחות פון גאָר דער וועלט!

ס־ליגט אַ הייליקער חוב אויף אַלע רעליגיעזע יידישע מענטשן און באַזונדערס אויף אַלע אַגודיסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס צוצוהעלפן צום דערשיינין פון דעם אָפּוועור־העפט, וואָס וועט ברענגין כבוד און נוצן.

